וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת ויצא, י"ב כסליו תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון נ"ג

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.........................4:12
מוצאי שבת..............................5:42

# מעשה פון תפלה א

## הערשי בוים

אזוי לערנענדיג איינע פון די דפים אין מסכת פסחים, איז געווען א שטיקל גמרא וואס איך געוואלט פארשטיין אבער איך האב עס נישט פארשטאנען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס פארשטיין, גלייך נאכדעם האב איך עס איבער געלערנט און שכח אייבערשטער עס איז מיר קלאר געווארן די גאנצע גמרא.

## יואל לאנדא

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין ווייב זאל קענען גיין אין אשת חיל זיך אפרוען נאכן האבן א קינד למזל טוב, אבער יעצט אין די קאראנע צייט געבן זיי נישט ארויס אלע שטובער, און אויך דארף מען האבן א פאזאטיווע טעסט, אזוי אויך קאסט עס אסאך טייערער אין די צייטן, אבער תפילה איז דאך שטארקער פון די טבע, שכח אייבערשטער אז זיי האבן געהאט א שטוב פאר מיין ווייב און איך האב געהאט די געלט דאס צו באצאלן גלייך ווען זיי האבן עס געבעטן, אזוי אויך איז די טעסט צוריק געקומען נעגעטיוו, שכח אייבערשטער!

## ברוך יאקאבאוויטש

א) מיין טייערע זייגער איז אראפגעפאלן און עס איז ארויס געפאלן די קליינע שטיקל מיט וואס מען דרייט אן די זייגער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, גלייך נאכדעם האב איך עס געטראפן, אזוי אינמיטן עס צוריקלייגן איז עס נאכאמאל אראפגעפאלן, איך האב געזוכט אבער נישט געקענט טרעפן, איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן און שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.

ב) איין נאכט האב איך געדארפט אהיימדרייוון פון קרית יואל צום שטעטל איך בין געווען זייער מיד, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנקומען אהיים בשלום, שכח אייבערשטער אז די מידעקייט איז אוועקגעגאנגען און איך האב געקענט אהיימדרייוון.

## אלע איינוואוינער פון שטעטל

צוויי וואכן צוריק איז געווען גאר שטארקע ווינטן אין שטעטל עס האט אויסגעזעהן יעדע מינוט אז די עלעקטריק גייט זיך אט אט אפהאקן, אזוי ווי עס האט שוין פאסירט אפאר וואכן צוריק ווען עס איז געווען שטארקע ווינטן, מיר האבן אלע שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל נישט פאסירן נאכאמאל א קורצשלוס, שכח אייבערשטער אז עס האט נישט פאסירט קיין שום קורצשלוס אין די געגענט, אין אנדערע געגענטער האט טאקע יא פאסירט קורצשלוסן אבער דא איז ברוך השם נישט געווען, אלעס אין די כח פון תפלה. שכח אייבערשטער!

# נייעס אין שטעטל

## באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א

דאנערשטאג נאכמיטאג האט מען געהאט די זכיה צו האבן אויף א באזוך דעם ראש ישיבה שליט"א. גלייך ביים אנקומען אין שטעטל איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעפארן צו די תלמוד תורה, [אגב, אויפ'ן וועג פון וויליאמסבורג צום שטעטל האט דער ראש ישיבה שליט"א אפגעשטאט א באזוך אינעם תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב - קרית יואל] יעדעס קינד באזונדער האט פארציילט א מעשה פון תפלה, דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט צו זיי אפאר דיבורים. נאכדעם איז דער ראש ישיבה אריבער באזוכן די בית פיגא תלמידות אין סקול.

דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט: **מיין וואקאציע איז ווען איך קום באזוכן די קינדער אין שטעטל.**

נאך מנחה מעריב אין בית המדרש האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא, נאכן דף האט דער ראש ישיבה געזאגט: "**נאר א דף גמרא בלייבט איבער**, קומטס אינדערפרי אין בית המדרש לערנען און דאווענען, דאס זאל זיין ביי דיר כאטש אזוי וויכטיג ווי גיין לויפן צו די ארבעט וואס דארט ווייסט מען אז מען מוז אויפשטיין און זיין דארט אין צייט".

איך בין היינט געווען אין חדר און אין סקול עס איז ליכטיגע קינדער ברוך השם, מיר האבן דא גאר פיינע מלמדים און טיטשערס; מען דארף האבן אלע שיינע סערוויסעס אין שטעטל אבער די עיקר איז די קינדער "**מיין זאך איז די מוסד**, די חדר און סקול וואו מען לערנט מיט די קינדער, אזוי אויך די שיעורי תורה וואס מען לערנט - דאס היט אפ די שטאט".

## עירוב טראק

עס איז שוין דורכגעלאפן א האלבע יאר פון ווען די עירוב אין שטעטל איז פערטיג געווארן, און עס ווערט געניצט יעדן איינציגן שבת, דער ראש ישיבה האט געשטעלט די מלמדים זיי זאלן בודק זיין דעם עירוב יעדן ערב שבת, וואס דאס איז בכלל נישט קיין גרינגע ארבעט, ווייל עס נעמט אריין גאר גאר אסאך שטחים וואס מען דארף דורך גיין און אויסטשעקן, צי די עירוב איז נישט פסול געווארן ערגעצוואו אינמיטן די וואך, וואס עס האט זיך שוין געמאכט אפאר מאל אז מען האט געטראפן די עירוב בענדל צוריסן, און די לעצטע מינוט האט מען עס פארראכטן.

מען פלעגט זיך אבער אלץ זייער מוטשענן אנצוקומען ביים שפיץ פון די זוילן, וואס צו דעם מוז מען האבן אן עירוב טראק וואס האט אויף זיך א גרויסן לייטער, די לעצטע שטיק צייט האט די וועד העירוב זיך אריין געלייגט אין דעם גאר שטארק, מען האט געזוכט די ריכטיגע טראק עס זאל זיין געאייגנט פאר דעם, און נאך אסאך תפלה און אסאך ארום זוכן פאר די ריכטיגע טראק האט מען ברוך השם געפונען גאר א גוטע טראק, וואס וועט מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף ארויסהעלפן בודק זיין דעם עירוב און פאררעכטן וואו עס וועט זיך אויספעלן.

ביז דערווייל האט די הנהלה אויסגעלייגט די געלט צו קענען קויפן דעם טראק; ווער עס וויל האבן די אייביגע זכות פונעם עירוב טראק [וואס אלע ווייסן שוין היינט אז די זכות פון פאררעכטן אן עירוב איז זייער גרויס] זאל זיך מעלדן צום ראש ישיבה שליט"א, די זכות וועט אים זיכער באגלייטן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויצא, ח׳ כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מען דארף זייער אכטונג געבן יעצט ווינטער ווען דער זמן איז שוין זייער פרי, ממש מען געבט זיך איין דריי און עס איז שוין שבת - צו מאכן אלע הכנות פארן שבת פרי. זע אנצוגרייטן דעם שבת טיש מיט די ליכט ווי פריער; מוהרא"ש פלעגט זאגן אז מען זאל אנגרייטן דעם שבת טיש, **לייגן די ווייסע טישטוך און אנגרייטן די ליכט וכו׳ וכו׳ ווי פריער.** מיר געפונען ווי די הייליגע תנאים האבן אליינס געטון אלע הכנות פארן שבת (עיין שבת קיט.) איז דאך אודאי אונז פשוט׳ע מענטשן דארפן העלפן די ווייב און טון אלעס אויפצונעמען דעם שבת בשמחה וטוב לבב.

לייג אוועק אלע וואכעדיגע זאכן און זיי מקבל שבת ווי עס פאסט; מוהרא"ש האט נאכגעזאגט פונעם הייליגן תולדות יעקב יוסף זכותו יגן עלינו, וואס האט נאכגעזאגט פון זיין רבי דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע, אויף דאס וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (כתובות כג:): "מֵת בְּעֶרֶב שַׁבָּת סִימָן יָפֶה לוֹ", אויב איינער שטארבט ערב שבת איז דאס א גוטע סימן; זאגט ער אז אויב א מענטש איז ביי זיך ווי א טויטע מענטש, ער נעמט אוועק פון זיך אלע זיינע זאכן וואס ער דארף מסדר זיין און לייגט אלעס אוועק כדי צו מקבל שבת זיין - איז דאס א גוטע סימן.

זע צו **זינגען זמירות ביי די סעודות,** דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב׳, סימן קד): "זינגען זמירות איז דער עיקר פון אידישקייט"; בעפאר דו מאכסט קידוש זינג שלום עליכם. ווי לאנג נעמט עס דען? בלויז געציילטע מינוט; די מלאכים ווארטן צו זען וואס טוט זיך אין דיין שטוב, וויוז זיי וואס מיינט אן ערליכער איד, וויוז זיי אז אפילו דו ביסט הונגעריג און מיד זינגסטו שיינע זמירות.

ביי די סעודה זאלסטו **שמועסן מיט דיין ווייב;** פארצייל איר שיינע זאכן וואס דו האסט געהערט און א שיינע ווארט אויף די פרשה. נאך די פיש זינג ׳אזמר בשבחין׳; קוק וואס רבי נתן שרייבט וואס ער האט געזען ביים רבי"ן, ווי דער רבי האט געזינגען זמירות (חיי מוהר"ן, סימן תקכ): "וּמִי שֶׁלֹּא שָׁמַע אוֹתוֹ בְּשָׁעָה שֶׁהָיָה מְזַמֵּר בְּלֵיל שַׁבָּת אֶת הַפִּזְמוֹן ׳אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין׳, וְכֵן בְּשַׁבָּת בַּבֹּקֶר אֶת הַפִּזְמוֹן ׳אֲסַדֵּר לִסְעוּדָתָא׳, וְכֵן שְׁאָר הַזְּמִירוֹת שֶׁל לֵיל שַׁבָּת כְּגוֹן ׳כָּל מְקַדֵּשׁ׳ ׳וּמְנוּחָה וְשִׂמְחָה׳ וְכוּ׳, לֹא שָׁמַע טוֹב מֵעוֹלָם, אַשְׁרֵי אֹזֶן שֶׁמְּעָה זֹאת, וְאַשְׁרֵי מִי שֶׁיִּשְׁמַע זֹאת לֶעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא", ווער עס האט נישט זוכה געווען צו הערן ווי דער רבי זינגט פרייטאג צו נאכטס ׳אזמר בשבחין׳, און שבת אינדערפרי ׳אסדר לסעודתא׳, און אזוי ווייטער די אנדערע זמירות פון פרייטאג צו נאכטס, ׳כל מקדש׳ און ׳מנוחה ושמחה׳ וכו׳, - ווייסט נישט וואס מיינט גוטס, וואויל איז דעם וואס האט דאס געהערט און וואויל איז דעם וואס וועט זוכה זיין דאס צו הערן אויף יענע וועלט; ווער וועט זוכה זיין דאס צו הערן אויף יענע וועלט? דער וואס פאלגט דעם רבי"ן בתמימות ובפשיטות און ער זינגט זמירות.

איך האב אזויפיל נחת פון דיר טייערער..., איך טראכט יעדן טאג צו מיר: ׳זאל איך ווייטער ממשיך זיין?׳ ׳זאל איך ווייטער אנגיין מיט די ישיבה?׳ עס איז נישט גרינג צו ארבעטן מיט בחורים און אינגעלייט; יעדער מענטש איז א וועלט פאר זיך, יעדער טראכט אנדערש, יעדער האט זיינע נסיונות און יעדער האט זיינע שוועריקייטן וואס מען דארף אים אויסהערן, אבער **ווען איך קוק דיר אן ווי שיין דו פירסט דיין לעבן - דאס געבט מיר כח.** איך זאג דיר עס אן קיין חנופה: "דו געבסט מיר כח ווייטער ממשיך צו זיין!" ווען איך זע ווי דו דערהאלטסט זיך מיט אלע דיינע כחות געבט דאס מיר כח איך זאל ווייטער קענען אויפשטעלן תלמידים ותלמידות.

גיי ווייטער אן טייערער... מיט דיין שיינע איידעלע וועג ווי אזוי דו פירסט זיך; איך שטאלציר מיט דיר, דו ביסט ביי מיר באליבט ווי אן אייגן קינד.

איך שיק דיר א בריוו פאר דיין ווייב תחי׳, געב איר עס איבער נאך פאר שבת. וויוז עס נישט אויפ׳ן אימעיל, נאר פרינט עס ארויס זי זאל דאס קענען ליינען אין שטוב ווען זי צינדט אן די שבת ליכט.

**א פרייליכן שבת!**

* * *

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויצא, ח׳ כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳**

איך האב געשריבן פאר אייער מאן א שיינע בריוו וואספארא נחת ער מאכט מיר מיט זיין התנהגות; איך וויל איר זאלט וויסן אז דאס וואס איך האב נאך כח אנצוגיין מיט תלמידים איז נאר אדאנק אייער מאן נרו יאיר.

עס איז שוין ביי מיר די עלפטע יאר וואס איך האלט די ישיבה, עס איז נישט גרינג צו נעמען רויע בחורים און זיי אויסקנעטן זיי זאלן זיין עבדי השם; אפילו טייג איז נישט גרינג צו אויסקנעטן און מאכן פון דעם חלות, פיל שווערער איז צו ארבעטן מיט מענטשן וואס זענען בעלי בחירה, מ׳קען ארבעטן מיט א מענטש וואכן און חדשים און צו מאל יארן ביז עס מאכט זיך שוין עפעס. וואס געבט מיר כח אנצוגיין? נאר אזעלכע תלמידים ווי אייער מאן נרו יאיר. ווען איך זע זיין התנהגות, זיין איידלקייט און זיין יראת שמים געבט דאס מיר כח ווייטער אנצוגיין.

מרת ... תחי׳, ווען איר צינדט אן די שבת ליכט זאלט איר **אויסנוצן די הייליגע מינוטן צו בעטן דעם אייבערשטן אויף אייער אייגענע שפראך;** בעטס פאר אייך, פאר אייער מאן, פאר אייערע קינדער און פאר אלע אידן. ביי די שבת ליכט איז א צייט וואס מען קען אויס׳פועל׳ן גרויסע ניסים.

רבי נתן האט געבעטן זיין ווייב און זיינע טעכטער אז ווען זיי צינדן אן די שבת ליכט זאלן זיי בעטן דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם אזוי ווי איך צינד אן די ליכט, אזוי זאל אנגעצינדן ווערן דעם הייליגן רבינ׳ס ליכט אין אלע אידישע הערצער"**; אזוי אויך זאלט איר בעטן ביי די ליכט: **"רבונו של עולם, טאטע זיסער! געב מיר א שיינע שבת און א שיינע לעבן. א לעבן מיט שלום, א לעבן מיט ליבשאפט; איך זאל זיך אויסקומען מיט מיין מאן און איך זאל אים שעצן. רבונו של עולם הער אויס מיין געבעט, העלף מיר איך זאל האבן ערליכע קינדער וואס וועלן דיר דינען מיט ליבשאפט. רבונו של עולם אזוי ווי איך צינד יעצט אן די שבת ליכט, מאך אונז ליכטיג אונזער לעבן און מאך ליכטיג פאר אלע אידישע קינדער; אלע זאלן וויסן פון דיר און אלע זאלן וויסן פון הייליגן רבי"ן. צינד אן ...׳ס הארץ ער זאל דיר דינען מיט ליבשאפט, צינד אן די הערצער פון מיינע קינדער".**

אז איר האט נישט קיין כח צו שטיין קענט איר זיך אראפ זעצן, אז איר קענט נישט האלטן די הענט אויפ׳ן פנים פאר לאנג, קענט איר פשוט זיצן ביי די ליכט און רעדן צום אייבערשטן. בעטס און שפארט נישט קיין טרערן, ווייל יעדע טרער איז נאך א טראפ וואסער וואס וועט שפאלטן די הערצער פון אייערע קינדער.

אז אייער מאן ווארט אייך צו זאגן "גוט שבת", ער וויל גיין אין שול, זייט מפסיק און גריסט אים: "גוט שבת", און ווען ער גייט שוין אין שול זאלט איר ווייטער רעדן צום אייבערשטן ביי די ליכט.

עלטערן דארפן פארגיסן טייכן טרערן צום אייבערשטן אויף ערליכע קינדער; דער הייליגער חתם סופר זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "יעדע נאכט בשעת איך האב געזאגט תיקון חצות האב איך אנגעפילט א כוס מיט טרערן און געבעטן פאר ערליכע קינדער"; פארלאזט אייך נישט אויף אייער מאנ׳ס תפילות, איר אליינס זאלט פארגיסן טרערן צום אייבערשטן אז אייערע קינדער זאלן זיין ערליך.

נאכדעם ווען אייער מאן נרו יאיר קומט אהיים פון שול זאלט איר אים **אפווארטן מיט א שמייכל;** האלט נישט קיין אלטע חשבונות, הייבט אן א נייע דף און טראגט נישט קיין אלטע ווייטאגן. **שבת דארף מען זיין פרייליך;** בעטס אייך איבער מיט אים אפילו ווען ער איז דער וואס דארף ערשט איבער בעטן, אז איר וועט אים מוחל זיין וועט דער אייבערשטער אונז אלע מוחל זיין.

געדענקט וואס דער רבי האט געזאגט: "יעדע זאך וואס מען פועל׳ט מיט שלעכטן, וואלט מען גרינגער געקענט פועל׳ן מיט גוטנ׳ס"; אסאך מאל מיינט מען אז אויב מען וועט שרייען וכו׳ אויף די מאן און קינדער וועלן זיי פאלגן, מען דארף געדענקען וואס דער רבי זאגט, אז מיט גוטנ׳ס וואלט מען אסאך גרינגער און שנעלער גע׳פועל׳ט.

**איך וואונטש אייך א פרייליכן שבת.**

א) וועלכע עסן און טרינקען דארף די נשמה באקומען יעדן טאג?

ב) דער הייליגע רבי זאגט: רוב עשירים זענען ...?

ג) וועלכע מעשה פארציילט די הייליגער רבי פון איינעם וואס איז געווען אין כעס?

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז ישעי׳ שטראססער נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

אדער גיבט איבער די תירוצים פאר׳ן מלמד אין חדר.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) מעשה ז׳

ב) אזוי ווי לייגן תפלין יעדן טאג

ג) אזוי ווי סטיוואל

נורסערי קלאס פון ברסלב׳ע חדר שטעטל



כיתה ב׳ פון ברסלב׳ע חדר אין שטעטל



קרית ברסלב באדאנקט זיך פאר אהבה מעדיקל

